בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת במדבר - שבועות תשע"ח פרקי אבות פרק ו גליון 456 [שנה י']

**דורך יחוס ווערט מען נייע געבוירן דאס מיינט וַיִּתְיַלְדוּ?**

וַיִּתְיַלְדוּ עַל־מִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם: (א יח) לכאורה דער לשון וַיִּתְיַלְדוּ איז זייער אינטרעסאנט! נאר באמת היינטיגע צייטן זעט מען ווי מענטשן קומען צוריק אדער זענען זיך מחזק אין זייער אידישקייט ווען זיי געפינען אויס זייער יחוס אז זיי שטאמען פון גרויסע מענטשן און דאס איז זיי מחייב, דעריבער שטייט וַיִּתְיַלְדוּ זיי ווערן פריש געבוירן, ווייל עַל־מִשְׁפְּחֹתָם, זיי האבן אויסגעפונען פון וועלכע משפחה זיי זענען, און לְבֵית אֲבֹתָם, ווער זענען געווען זייערע עלטערן. [אמר המו"ל איך קען א גאנצע משפחה וואס נאכדעם וואס זיי האבן אויסגעפונען אז זיי שטאמען פון הייליגן קצות החושן הגאון ר' אריה ליב הכהן זצ"ל, האבן זיי זיך צוריקגעקערט צו אידישקייט און יעדן דאנערשטיג קומט א רב און זאגט פאר די משפחה און זייער ידידים א שיעור אין די ספרים קצות החושן און אבני מילואים און שב שמעתתא, זעעט מען ווי אזוי יחוס איז אויך א מחייב.] (תפוחי חיים אדמו"ר מדעעש קארלסבורג)

**דרוש לשבועות- סתירה אין מימרות פון ר' יהושע בן לוי**

וּבָאוּ כֻלָּם בִּבְרִית יַחַד. נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד. וּפָתְחוּ וְעָנוּ ה' אֶחָד. בָּרוּךְ הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ: (זמר יום שבתון) דארף מען פארשטיין וואס איז דא די ברכה פון הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ? נאר די גמ' (שבת דף פח:) ברענגט דריי מימרות פון רב יהושע בן לוי, 1] ואמר רבי יהושע בן לוי: מאי דכתיב (שיר השירים ה יג) לְחָיָו כַּעֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בְּשָׂמִים וכו', הוציא הקב"ה הרוח מאוצרותיו והיה מעביר ראשון ראשון שנאמר 'שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר: אל תקרי 'שׁוֹשַׁנִּים' אלא 'שֶׁשּׁוֹנִים'. 2] ואמר רבי יהושע בן לוי: כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה –יצתה נשמתן של ישראל, שנאמר (שיר השירים ה ו) נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ וכו' הוריד טל שעתיד להחיות בו מתים, והחיה אותם, שנאמר: (תהלים סח י) גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ. 3] ואמר רבי יהושע בן לוי: כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה – חזרו ישראל לאחוריהן שנים עשר מיל והיו מלאכי השרת מדדין אותן וכו', פרעגט די מהרש"א (חידושי אגדות ד"ה יצאה) א סתירה ווייל פריערט זאגט ריב"ל דער אויבערשטער האט געשיקט בְּשָׂמִים מיט זיין דיבור, נאכדעם זאגט ער אז דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט טַל, און נאכדעם זאגט ער אז מענטשן זענען אוועק געגאנגען און די מלאכים האבן זיי צוריק געברענגט! און ער ענטפערט אז עס זענען געווען דריי אנדערע כיתות ביי די אידן, איין כת זענען געווען שוואך און פון רוב פחד האט מען געדארפט בְּשָׂמִים זיי מְחַיֶּה זיין, איין כת זענען ממש געשטארבן פון פַּחַד און די טַל פון תְּחִיַּת הַמֵּתִים האט זיי מחיה געווען און די דריטע האבן פון פחד געוואלט אנטלויפן ע"כ המהרש"א. ממילא איז זייער גוט וואס מען האט געבענטשט ביי מתן תורה בָּרוּךְ הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ, ווייל דער אויבערשטער האט מחיה געווען די שוואכע כח פון די אידן. (ויגד יעקב פאפא)

**רמזים לשבועות**

חג שבועות איז בגימ' "כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה."

חג השבועות איז בגימ' "והיית אך שמח." מען דארף זיך פרייען מיט די תורה.

ע'ליונים ש'שו ו'תחתונים ע'לזו ב'קבלת ת'ורה ר"ת שבועות

(מאת דודי הרה"צ ר' חיים ברים חתן אדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**מיר ווינטשן אלע א פרייליכן יו"ט און א ריכטיגן קבלת התורה**

**דרוש מקשר צו זיין במדבר מיט קבלת התורה**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי: (א' א') שטייט אין מדרש (במדבר רבה א ז) למה במדבר סיני? בשלשה דברים ניתנה התורה באש ובמים ובמדבר וכו' ולמה ניתנה בשלושה דברים הללו אלא מה אלו חנם לכל באי העולם כך דברי תורה חנם הם שנאמר הוֹי כָּל־צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם. (ישעי' נה א) צו פארשטיין דעם מדרש שמעתי ממורי ורבי הגאון הקדוש מאונסדארף זי"ע –דער באר שמואל– צו מפרש זיין א מדרש משלי, וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא (איוב כח יב) שלמה המלך האט געזוכט וואו געפינט מען חכמה? רבי אליעזר זאגט בראש, און רבי יהושע זאגט בלב ע"כ המדרש, און עס איז תמוה ווייל אלע ווייסן אז די חכמה איז אין קאפ? נאר רבי יהושע איז דא מוסיף אז א מענטש זאל נישט זאגן אז נאר דער שנעלע און גוטע קאפ קען לערנען אבער דער שוואכע קאפ וועט נישט משיג זיין די תורה, דעריבער זאגט רבי יהושע אז דער עיקר איז די הארץ, וואס דאס איז יראת שמים, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (דברים רבה יא ו) **אמר הקב"ה לישראל חייכם כל החכמה וכל התורה דבר אחד קַל הוא, שכל מי שמתיירא אותי ועושה דברי תורה, כל החכמה וכל התורה בלבו מנין שנאמר** רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה' שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עֹשֵׂיהֶם: (תהלים קיא י) עכ"ל המדרש. זעהט מען אז אויב איינער האט יראת שמים וועט ער קענען פארשטיין דער הייליגער תורה.

יעצט מיר געפינען אז רבי אליעזר בן הורקנוס האט געארבעט ביי זיין טאטע'נס פעלד ביז 28 יאר אלט, ווייל ער האט געהאט א שוואכע קאפ און האט איינמאל געאקערט א פעלד וואס איז געווען פול מיט שטיינער און דער אקעראייזן האט צושמעטערט די אלע שטיינער האט ער זיך נתעורר געווארען אז אויב אייזן קען צוברעכן שטיינער קען ער אויך צושמעטערן זיין פארשטיינערטער הארץ און אויך קענען די תורה און האט געוויינט און איז ארויף קיין ירושלים און געלערנט ביי רבן יוחנן בן זכאי 8 יאר און איז געווארן זיין גרעסטן תלמיד, (פרקי רבי אליעזר פרק א) און רבן יוחנן בן זכאי האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א **בור סיד שאינו מאבד טיפה.**

ובני הרה"ג ר' משה שמואל טויסיג זצ"ל האט מיר געוויזן פון ספר אהלי שם עה"ת (פון הגאון הק' רבי שֵׁם קלינברג זצוק"ל ירושלים דף קכה ע"א) אז דער ערשטער תנא פון ש"ס איז רבי אליעזר, מאימתי וכו' עד סוף האשמורה הראשונה דברי רבי אליעזר, און דער טעם איז ווייל רבי אליעזר האט געזאגט אויף זיך **"מימי לא קדמני אדם בבית המדרש"** (סוכה דף כח ע"א) און ווייל ער איז געווען דער ערשטער אין בית המדרש דעריבער האט מען אים געלייגט דעם ערשטן אין ש"ס. [רבי אליעזר אין ש"ס איז רבי אליעזר בן הורקונוס כידוע, המו"ל] יעצט דאס וואס רבי אליעזר האט זיך אפיר גענומען צו לערנען און פארשטאנען די תורה אפילו ער האט געהאט א שוואכע קאפ איז נאר ווייל ער האט געהאט יראת שמים. ממילא איז גוט דער מדרש וואס תורה איז געגעבן מיט דריי זאכן און תורה איז בחנם פאר יעדן, אבער מען דארף האבן יראת שמים און וועלן לערנען, וועט זיל עפענען אלע טויערן פון לערנען און מען קען צוקומען צו גרויסע מדריגות אזוי ווי ביי רבי אליעזר, און עס איז באוואסט דער טייטש פון הייליגן רבי זישא זצוק"ל מאימתי, פון יראת שמים, קורין את שמע. זעהט מען אז ש"ס גלייך אין אנפאנג איז מרמז אז יראת שמים איז דער שליסעל צו חכמת התורה. [דאס קען זיין פשט ראשית חכמה, דער אנפאנג פון ש"ס, איז יראת ה', מאימתי.] (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

שבועות, האט זיבן נעמען און זיי זענען מרומז אין די ראשי תיבות "חק"ת שבע"ה" וואס זענען די 7 נעמען? ח- יום החמישים, ק- חג הקציר, ת- חג מתן תורה, ש- חג השבועות, ב- חג הביכורים, ע- עצרת, ה- הקהל
וַיְהִי קוֹל הַשֹּׁפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד: (שמות י"ט י"ט) הולך איז א לשון הווה. עס גייט נאך יעצט. ווייל דער קול השופר פון מתן תורה איז נאך ממשיך און גייט אין אלע דורות און מחזק אידן. (בית אהרן) דעריבער איז געברענגט אז צדיקים זענען זוכה צו הערן די קולות יעדן יאר, ווייל עס גייט נאך אן.

# מדור העובדות

## הרה"ק ר' אלתר בידרמאן פון סאסנאוויץ האט געראטעוועט זיין חסיד פון א שווערן משפט

אין שטאט סאסנאביץ אין פוילן האט געוואוינט א איד מאניש, וואס האט געארבעט אויפן שווארצן מארק, ווייל די פוילישע רעגירונג האט נישט געלאזט פארדינען, האבן אסאך זיך באנוצט מיט נישט געזעצליך פרנסה. במשך די צייט האט זיך די רעגירונג דערוואוסט פון דעם מסחר און האבן זיך פארלייגט דאס צו פארמיידן און געלייגט כוחות ביי אלע גרעניצן און אויך אין מארק האבן זיי געשטעלט שפיאנען און אזוי האבן זיי איינגעהאלטן דעם מסחר צו א מינימום.

מאניש איז אבער געווען א קלוגער מענטש און האט געוואוסט ווי מען גיט זיך אן עצה און האט שיין פארדינט. ביז איינמאל האט מען איהם געכאפט מיט זיין שווארצע סחורה און מען האט איהם איינגעזעצט מיט די נידעריגסטע מענטשן. פארשטייט זיך אז א איד מיט בארד און פיאות איז געווען א גליק פאר די גוים וואס האבן געטראפן וועמען צו פייניגן. מאניש נעמט זיך מתפלל זיין און די גויים נעמען זיך מאכן חוזק פון אים, אבער ער שטארקט זיך און בעט דעם אויבערשטן זאל איהם היטן. די נאכט איז דורכגעגאנגען בשלום, און אינדערפרי האט מען איהם געברענגט פארן שופט וואס האט געזאגט אז ער זעט נישט קיין סכנה אין מאניש און באפרייט מאניש ביז דעם טאג פון משפט. מאניש איז געגאנגען צו א אדוואקאט, א עורך דין, און האט אים געפרעגט צו ער קען עפעס טאן פאר אים? האט דער עורך דין געזאגט אז ווינציגסטן וועט מען דיר געבן 20 יאר תפיסה, און אויב דער שופט איז א רשע קען ער הייסן דיר הענגען! מאניש האט געדאנקט דעם אדוואקאט און איז אהיים געגאנגען.

דורך זיין האנדל האט ער שוין געקענט די מענטשן וואס שווערצן אריבער גרעניצן האט ער זיך געזעגנט פון זיין ווייב און געזאגט ער וועט אוועקלויפן ביז דער מצב וועט ווערן שטיל! און אויף צו מארגנ'ס איז ער שוין געווען אריבער די גרעניץ ער איז געגאנגען קיין מינכן אין דייטשלאנד. ער האט דארטן געוואלט ווארטן ביז דער מצב וועט ווערן שטיל פאר אים. דערווייל האבן די פאליציי געקומען צו אים אין שטוב און געפאדערט די ווייב זי זאל זאגן וואו איר מאן געפינט זיך! זי האט געשפילט זייער גוט און זי האט זיך גענומען וויינען און רעדן אויף איר מאן אז ער האט איר איבערגעלאזט אן רחמנות מיט קליינע קינדער. די פאליציי זענען געווארן ווייך פון דעם רעדן און זיי זענען אוועק געגאנגען. די פאליציי האבן נאך געהאלטן א אויג א ווײלע ביז זיי האבן אויפגעהערט צו קומען און עס איז שטיל געווארן. מאניש האט זיך דערוואוסט אז מען איז שוין נישט געקומען אים זוכן א שטיק צייט און ווען עס איז אריבער צוויי יאר איז מאניש צוריק געקומען. ער האט געהאפט אז מען האט פארגעסן פון איהם און ער וועט לעבן בשלום.

א גוי וואס האט געארבעט שווארץ מיט מאניש האט געוואלט פארדינען אביסל געלט, האט געמאסרט פאר די פאליציי אז מאניש איז יעצט צוריק אינדערהיים. און אזוי אינמיטן נאכט זענען פלוצלונג געקומען א גרופע פון פאליציי און איינגעזעצט מאניש. יעצט האט שוין געווארט אויף אים א דאפעלטע שטראף פאר אנטלויפן, און מען האט צו געשטעלט א פאליציאנט אכטונג צו געבן אז מאניש זאל נישט אנטלויפן. און מען האט באשטימט דעם משפט אין א וואך ארום.

דעמאלטס האט געוואוינט אין סאסנאביץ דער ארץ ישראל רבי הרה"צ ר' אלתר בידרמאן א יונגערע ברודער פון הרה"ק ר' דוד'ל לעלובער זצוק"ל און מאניש איז געגאנגען צו אים און ביים רבין האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ און דער רבי האט מיט געוויינט מיט אים. דער רבי טראכט און גייט צו צום ספרים שאנק און ער נעמט ארויס א ספר און ער עפענט דאס אויף און זאגט פאר מאניש אין טאג פון משפט זאל ער ברענגען אין שול אסאך טרינקען און לעקאך און זעהן אז וואס מער מענטשן זאלן מאכן ברכות, און אזוי וועסטו געהאלפן ווערן. מאניש האט געהאט אמונת צדיקים און האט געטאן וואס דער רבי האט אים געהייסן.

דער טאג פון משפט איז אנגעקומען און אין בית המשפט איז געווען אנגעפילט מיט מענטשן, און דער שופט איז געזעצן מיט זיינע בגדים אויף א בימה און מיט זיין פולע ערנסקייט קוקט ער אויף מאניש און ער זעהט א מאדענע רוהיגקייט ביי מאניש, און דער שופט דרייט זיך אוים צום תובע און זאגט אים ער זאל זאגן זיינע טענות און שולד אויף מאניש. דער שופט ווארט פארן תובע אנהויבן צו רעדן און דער תובע קוקט אן דעם שופט און ער הויבט אן צו לאכן און מאכט מאדענע תנועות מיט זיין פנים. דער שופט האט אזוי עטליכע מאל געפרעגט דעם תובע און אלעמאל האט ער געלאכט ביז דער שופט האט פארלוירן זיין געדולד און איז צו געגאנגען נאנט צום תובע און עס האט געשמעקט ווי ער האט זיך גוט אנגעטרונקען און איז געווען שיכור, דער שופט איז געווארן אין כעס און האט אנגעהויבן צו שרייען אויפן תובע: "אויב דו קענסט זיך נישט איינהאלטן פון טרינקען אין דעם טאג וואס עס איז דא א משפט קומט דיר נישט אז דו זאלסט זיין א תובע" און דער שופט נעמט די פאפירן פון שולד נגד מאניש און ער צורייסט דאס אויף שטיקלעך, און געזאגט פאר מאניש אז ער קען אהיים גיין און איז פריי פון אלע שולד קעגן אים.

מאניש האט געדאנקט דעם שופט און ער איז א גליקלאכער אהיים געגאנגען איבער געבן די בשורה טובה. און ער איז נאכדעם געגאנגען צום רבין און ער האט אים אויך געדאנקט פארן נס וואס דער רבי האט פארפראוועט מיט אים. האט אים דער רבי געזאגט "דאס איז נישט געווען קיין נס נאר ווען ער האט נישט געזען קיין עצה פאר אים האט ער ארויסגענומען א ספר און געוואלט זען וואס דער אויבערשטער וועט אים ענטפערן און ער האט ארויס גענומען א משניות און ער האט פונקט אויפגעמישט צו די משנה אין ברכות פרק ו משנה ה' "ועל כולם אם אמר שהכל יצא" און עס איז אים איינגעפאלן פשט אזוי: על כולם, אויף אלע צרות וואס וועט קומען אויף א מענטש, אויב אמר שהכל נהיה בדברו, אז אסאך מענטשן וועלן מאכן די ברכה שהכל אין זיין זכות, יצא, וועסטו ארויסגיין פון דיין צרה. און אזוי איז טאקע געווען ז"ע.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

תהלים דפוס זיטאמיר עם אמרות טהורות מיט א שער פעלט חלק מעמדות $5000 מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $9000. שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק $900, ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000,, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, *רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500 , ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחוף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000*

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***